**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/28/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פייערט אַרבּאָר טאָג און אנאנסירט $3 מיליאן גרענטס יעצט צו באקומען פאר שטאטישע און קאמיוניטי וועלדעריי פראיעקן**

***פינאנצירונג שטיצט קאמיוניטי בוים פראיעקטן צו היטן נאטירלעכע רעסורסן, לופט און וואסער קוואליטעט און העלפן קעמפן קלימאט ענדערונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט באצייכנט ארבאר טאג דורך אנאנסירן אז $3 מיליאן אין נייע קאנקורירע גרענט פינאנצירונג איז יעצט צו באקומען פאר מוניציפאליטעטן, אינדיען פעלקער, און נישט פאר קיין ריווח ארגאניזאציעס פאר שטאטישע וועלדעריי פראיעקטן. די נייע גרענט פינאנצירונג וועט פארמערן דאס געזונט פון קאמיוניטי וועלדער און פארשטארקן לאקאלע קאמיוניטי וועלדעריי פראגראמען.

"ניו יארק סטעיט איז שטאלץ צו פייערן ארבאר טאג מיט בוים פלאנצונגען איבערן סטעיט און אנבאטן די גרענט געלעגנהייט פאר פראיעקטן אין קאמיוניטיס צו אינווענטאריזירן, פלאנצן און אויפהאלטן פובליקביימער,**"האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די קאמיוניטי שותפות וועלן שיצן און פארשענערן אונדזער סטעיטס נאטירלעכע רעסורסן און פארשענערן אונדזערע געגנטער בשעת אויך פאבעסערן דעם קוואליטעט פון לעבן פאר א גרינערע צוקונפט."

ארבאר טאג איז א נאציאנאלע טראדיציע וואס פייערט די ראלע פון ביימער און פארשפרייט בוים פלאנצונגען און קעיר. ערשט געפראוועט אין 1872, איז ארבאר טאג אוועקגעשטעלט געווארן אלץ א וועג צו מוטיגן פארמערס און היים אייגנטימער צו פלאנצן ביימער וועלכע וועלן צושטעלן שאָטן, שיצארט, עסן, ברענוואָרג, און שיינקייט צו אפענע ערטער. אין ניו יארק, פראוועט מען, בדרך כלל, ארבאר טאג דעם לעצן פרייטאג אין אפריל.

ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו ענווייראנמענטאלע קאנסערוואציע (DEC) קאמישאנער באזיל סעגאס האט אפגעצייכנט די נייע פינאנצירונג געלעגנהייט היינט ביי אן ארבאר טאג בוים פלאנצונג געשעעניש צוזאמען מיט דער שטאט אלבאני, לאקאלע שותפים, און סטודענטן פון איגל פוינט עלעמעטערי סקול.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו ענווייראנמענטאלע קאנסערוואציע (DEC) קאמישאנער באזיל סעגאס האט געזאגט**, "אַרבּאָר טאָג איז א געלעגנהייט צו געדענקען די חשיבות פון ביימער אין טאָג-טעגלעכן לעבן און פלאנצן און אויפהאלטן ביימער איז איינע פון די בעסטע זאכן וואס מיר קענען טון צו היטן אונדזער ענווייראנמענט. די גרענטס היינט אנאנסירט זענען איינע פון אסאך הצלחה'דיגע וועלדעריי כלים וואס דער DEC נוצט צו פראגרעסירן די סטעיטס וועלדער אפהיט צילן, אינוועסטירן איבער דער גאנצער סטעיט, און איינפירן דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט פארנעם פלאן רעקאנעמדאציעס".

פאסיגע שטאטישע און קאמיוניטי וואלד (UCF) גרענט אפליקאנטן זענען קאמיוניטיס מיט באפעלקערונג איבער 65,000. אפליקאנטן קענען אפליקירן פאר א סכום ביז $100,000 צו פינאנצירן בוים אינווענטאר, קאמיוניטי וואלד פארוואלטער פלאנירונג,ביימער פלאנצונגען, אדער ביימער אפהיט פראיעקטן.
אפליקאנטן אין קלענערע קאמיוניטיס קענען אפליקירן פאר א סכום ביז $75,000. צו האבן צוטריט צו די גרענט געלעגנהייטן, באזוכט גרענט געיטוועי וועבזייטל אין https://grantsmanagement.ny.gov/ און זוכט פאר "tree." DEC01-UCF1-2023 איז דער געלעגנהייט פאר בוים אינווענטאר און קאמיוניטי וואלד פארוואלטונג פלאן פראיעקטן און האט א גרענט אפליקאציע טערמין פון יוני 21, 2023;
DEC01-UCF1-2023 איז דער געלעגנהייט פאר בוים פלאנצונגען און בוים אויפהאלט פראיעקטן און האט א גרענט אפליקאציע טערמין פון אוגוסט 16, 2023. צו לערנען מער וועגן די שטאטישע און קאמיוניטי וועלדעריי פראגראם, באזוכט די DEC'ס וועבזייטל
https://www.dec.ny.gov/lands/5285.html.

אן אומזיסטע וועב-באזירטע אינפארמאציע סעסיע וועגן די גרענט וועט געהאלטן ווערן דאנערשטאג, מאי 4, 10 אינדערפרי. זיך צו משתתף זיין אין די צוויי-שעה'איגע סעסיע, גייט צו
https://meetny.webex.com/meetny/j.php?MTID=m8632d7da909b7fed96091732ef0a1b48. די ערשטע האלב וועט זיין וועגן די גרענט פאדערונגען און די צווייטער העלפט ווי אזוי צו נאוויגירן גרענטס געיטוועי. פאר אלע וואס קענען נישט ביייזיין די אינפארמאציע סעסיע, וועט א רעקארדינג ווערן געשטעלט אויף דער שטאטישע און קאמיוניטי וועלדעריי גרענטס וועבזייטל אין
https://www.dec.ny.gov/lands/5285.html.

פינאנצירונג פאר דער גרענט פראגראם איז צוגעשטעלט געווארן דורך די סטעיט'ס ענווייראנמענטאלע באשיצונג פונד. די גאווערנערס 2023-24 עקזעקוטיווע בודזשעט האלט אויס די EPF מיט א היסטארישע 400 מיליאן דאלאר. די EPF שטעלט צו פינאנצירונג פאר קריטישע ענווייראמענטאלע פראגראמען, צום ביישפיל אפקויפן לאנד, שיצן פארם שטחים, פארמיידונג און פארניכטונג פון אריינדרינגענדע פרעמדע באשעפענישן, פארבעסערונג פון פארוויילונג ערטער, וואסער קוואליטעט פארבעסערונג און אן אגרעסיווע ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט אגענדע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418